# פרשת וישלח י"ג - י"ט כסלו תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף י"א) בבית מדרשנו בבארא פארק.

*

***יום שני פרשת וישלח***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים צבי שטערן** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **ירמיה קרעמער** ע"ה

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **יעקב יוסף טויבער** הי"ו, עב"ג בת הרב **פישל לעווי שליט"א** (מנהל רוחני דישיבה קטנה), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מקאליש שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מיטן טאטן (**האדמו"ר מקאליש**) ז"ל זענען מיר געווען דאס לעצטע מאל צוזאמען אין פאלם ספרינגס. מיר זענען איינגעשטאנען אויף איין גאס.

**האדמו"ר מקאליש:** ער האט עס נישט אזוי ליב געהאט, ער האט שוין געוואלט זיין אין דערהיים.

**רבינו:** עס איז גראדע א שיין רואיג פלאץ דארט, א ערליך פלאץ. - אונז האב מיר געדאוועונט דארט פרייטאג צו נאכטס, ער האט געהאט א מנין אין שטוב.

**האדמו"ר מקאליש:** דער רב געדענקט דעם סטראזניצער זיידע?!

**רבינו:** יא.

**האדמו"ר מקאליש:** רבי איתמר נישט.

**רבינו:** ניין. קען זיין איך האב אים געזעהן אויף א שמחה וכדומה, אבער דעם זיידן דער סטראזניצער רבי געדענק איך נאך פון סאוט צוויי. אונז האב מיר דעמאלטס געוואוינט אויף סאוט פיר.

**האדמו"ר מקאליש:** רבי איתמר איז געפארן קיין ארץ ישראל אין יאר תשל"ג.

**רבינו:** מן הסתם האב איך אים געזעהן אויף שמחות.

**האדמו"ר מקאליש:** די גמרא (פסחים פח.) זאגט, לא כאברהם שקראו הר, ולא כיצחק שקראו שדה, אלא כיעקב שקראו בית. עס איז דא די באקאנטע ווארט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, וואס עפעס האט אברהם גערופן הר, און יצחק שדה, און יעקב בית. ווייל עס שטייט אין ספרי קבלה, דער בית המקדש של מעלה מאן בנאיה, אתו הקב"ה עם מחנה דיליה ובנאו לכותל ראשון, אתו אברהם ובנאו לכותל שני. האט ער געזאגט, 'מחנה' באטרעפט ק"ג, צוויי מאל 'מחנה', איז ה"ר (מיטן כולל). קומט יצחק ובנאו לכותל שלישי, דאס באטרעפט שד"ה. יעקב האט געבויט דעם פערטן וואנט, פיר מאל 'מחנה' איז בי"ת. משה רבינו איז בנאיה לגג, פינף מאל 'מחנה' איז תקט"ו, האט ער מתפלל תקט"ו תפלות. דאס איז אזא הפלא'דיגע ווארט, אזא שיין ווארט, ממש קולע את השערה.

יעדער יוד האט א חלק אין די תורה, דער באשעפער האט מיר געגעבן א מתנה, איך האב געטראכט אזוי. יעקב אבינו האט דאך יעצט געענדיגט בויען דעם בית. וועלכע ווענט האבן זיי געבויט. די מדרש (תנחומא שמות י) זאגט דאך, מעולם לא זזה שכינה מכותל המערבי. מן הסתם האט דער אייבערשטער געבויט דעם כותל המערבי. אברהם אבינו האט מן הסתם געבויט דעם דרום וואנט, דאס איז דאך אקעגן חסד.

**רבינו:** הלוך ונסוע הנגבה (בראשית יב-ט).

**האדמו"ר מקאליש:** יא דער **מאור עינים** אין פרשת לך לך[א]. יצחק האט געבויט דעם צפון וואנט, וואס

---

[א] וזה לשון קדשו: נודע שדרום הוא מדת אהבה. ועל כן נאמר באברהם אבינו ע"ה (בראשית יב-ט) הלוך ונסוע הנגבה, שכל נסיעתו והילוכו בעבודת ה' היה בתיקון מדת אהבה, לאהוב שמו הגדול ולאהב אותו בפי הבריות, שעל זה נקרא (ישעיה מא-ח) אברהם אוהבי, שהוא מדת החסד, שהיא מדתו הנקרא על שמו.

**איז אקעגן גבורה. יעקב איז תפארת, מן הסתם האט ער געבויט דעם מזרח וואנט. משה רבינו איז נצח, און נצח איז למעלה, האט ער געבויט דעם גג. יעקב האט דאך יעצט געענדיגט בויען דעם בית. אם יבא עשו אל המחנה 'האחת', אח"ת מיט די דריי אותיות איז בי"ת. יעקב אבינו האט געוואוסט, אז זיי גייען דאך צוריק צו ארץ ישראל, ווער וועט בלייבן מיט אונז אין גלות. והיה 'המחנה' הנשאר, משה רבינו וואס איז געבליבן מיט די יודען אין חוץ לארץ, לפליטה, דער מחנה וועט מאכען דעם דאך. און דערפאר ולמקנהו עשה סוכות (בראשית לג-יז), דאס איז די סוכה, וואס איז נישט צל דפנות, נאר צל סוכה דארף זיין, דאס איז דער דאך[ב].**

---

[ב] נעתיק בזה דברי **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת וישלח תשס"ה לפ"ק: ויירא יעקב מאד ויצר לו, ויחץ את העם אשר אתו וגו', ויאמר אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו, והיה המחנה הנשאר לפליטה (לב-ח). ובסיום הפרשה, וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה, ויעקב נסע סכתה ויבן לו בית וגו' (לג-טז). ויש לומר דהנה ברש"י פירש, ויירא שמא יהרג, ויצר לו, אם יהרוג הוא את אחרים ע"כ. ויש להבין למה היצר לו על זה שיהרוג, הלא באבוד רשעים רנה. וכתוב **בחתם סופר** (קסז.) דהנה הקב"ה אמר לדוד המלך, דם לרוב שפכת וגו' לא תבנה בית לשמי (דברי הימים א כב-ח). הרי לנו כי השופך דמים של חבירו, אי אפשר להיות לו חלק בבנין הבית. ויעקב אמר, ושבתי בשלום אל בית אבי, והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים (כח-כא), שיהיה זה בית המקדש שהושתת מיעקב, כמו שאמרו חז"ל (פרקי דרבי אליעזר פרק לה) שהקב"ה כבש האבן בארץ, והוא אבן שתיה, והוא יסוד הבית המקדש. וזהו רק אם אשוב בשלום אל בית אבי, לאפוקי אם אשוב על ידי מלחמה ושפיכת דמים, לא יתכן שיבנה בית המקדש על ידו. ולכן אף על פי שבטח יעקב בהבטחתו של מקום, ואנכי אהיה עמך ושמרתיך, אבל אפשר שיהיה זה על ידי מלחמה ושפיכת דמים. ומשום הכי היצר ליעקב שלא יהרוג הוא את אחרים ויפסיד שתיית המקדש, עיין שם בארוכה (ועיין עוד **בדרשות חתם סופר** לז' אדר קלה: ד"ה הנה).

והנה איתא במדרש (דב"ר יא-ו) מנין שהתפלל משה באותו הפרק חמש מאות וחמשה עשר פעמים שנאמר (דברים ג-כג) ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר, ואתחנ"ן בגימטריא הכי הוי ע"כ. וצריך ביאור מהו הענין של תקט"ו תפלות. וראיתי בכתבי **מרן הרה"ק מוהר"א מבעלזא זי"ע** (פ' ואתחנן) שכתב, דהנה בגמרא (פסחים פח.) אמרו, מאי דכתיב והלכו גויים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה' ואל בית אלקי יעקב, לא כאברהם שכתוב בו הר שנאמר (בראשית כב-יד) בהר ה' יראה, ולא כיצחק שכתוב בו שדה שנאמר (שם כד-סג) ויצא יצחק לשוח בשדה, אלא כיעקב שקראו בית שנאמר (שם לה-ז) ויקרא למקום אל בית אל ע"כ. וצריך ביאור למה קרא כל אחד בשם זה דייקא. אמנם איתא בספרי קבלה דמקדש של מעלה מכוון כנגד מקדש של מטה, מקדש של מעלה מאן בנאיה, הקב"ה ומחנה דיליה בנאיה לכותל הראשון, אברהם בנאיה לכותל השני, יצחק בנאיה לכותל השלישי, יעקב לכותל הרביעי, ומשה בנאיה לגג ע"כ. (ואאז"ל פירש הכוונה, דאיתא דהשם של בנין הוא מספר מחנ"ה, וזהו דקאמר הקב"ה ומחנה דיליה, כוונתו להשם מחנה עכ"ד). וכיון שהקב"ה התחיל בבנינו במחנה הראשון, וכל אחד הוסיף כותל עם מחנה דיליה, לכך קראו אברהם הר, העולה (עם הכולל) ב' פעמים מחנ"ה, ויצחק שבא עם עוד מחנה קראו שד"ה הוא ג' פעמים מחנה, ובית הוא ארבע פעמים מחנה. ומשה היה צריך שיהיה חמשה פעמים מחנה, ותקט"ו הוא חמש פעמים מחנה עכ"ד ודפח"ח.

ולפי זה זכה יעקב שבנה כותל אחד מהבית המקדש עם המחנה שלו, והגג של הבית נשלם ממחנה של זרעו, על ידי משה רבינו. אבל אם יהרוג הוא כעת את האחרים, אם כן לא יזכה לבנות הבית בעצמו, ויצטרכו מבניו שתי מחנות, צדיק אחד יזכה בהכותל הרביעית, וצדיק אחד להשלים גג הבית. ולכן כאשר נתיירא יעקב והצר לו שלא יהרוג אחרים, עשה פועל דמיוני על העתיד, ויחץ את העם 'לשתי מחנות'. ויאמר אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו, שיקלקל עשו את המחנה שלו, על ידי שיצטרך ללחום עמו במלחמה, 'והכהו', ויעקב יכה את עשו וינצחו, מכל מקום הפסיד בנין בית ה', ויושאר הוא ומחנהו שלא יוכלו לבנות הבית, והיה המחנה הנשאר לפליטה, יהיה ביד בניו להשלים אותו המחנה החסר. - אמנם בסופו, הפך ה' לבבו של עשו וישקהו, ולא מילא ידו למלחמה, וד' מאות איש נשמטו, וישב עשו לדרכו שעירה, ולא הוצרך יעקב לשפוך דם, וממילא יוכל לבנות הבית, על כן נסע יעקב סכותה, לכונן הבית המקדש שנקרא סוכת שלם (תהלים עו-ג), ויבן לו 'בית', אשר יעקב קראו בשם 'בית', שהוא השלימו עם המחנה הרביעית שעולה ביחד כמספר 'בית'.

ובזה יובן מה שאמר יעקב, אחר שהרגו שמעון ולוי יושבי שכם, עכרתם אותי וגו', ונאספו עלי והכוני ונשמדתי אני וביתי (לד-ל). וגם על זה תקשה למה נתיירא יעקב אחר הבטחת ה' אליו שישמרנו על כל הדרך. אמנם באמת יעקב לא נתיירא על נפשו ונפש ביתו, כי בודאי ימסור ה' אותם בידו, ולא יוכלו להרע לו, אך אם ישים ידו במלחמה, שוב יאבד בנין הבית, ועל זה היה מיצר. ועל כן אמר, ונאספו עלי והכוני, ומההכאה עצמה אינני חושש, כי בוודאי אנצח אותם, אך ונשמדתי אני 'וביתי', שאני אהיה גומר את הבית, לבנות עם המחנה שלי את הכותל הרביעית, שעבורו קראו בשם 'בית', דבר זה יחסר לי, ועל זה הנני מתאונן שאפסיד ביתי (נדפס **בשמן ראש** חלק עשירי בראשית דף רפ).

**רבינו:** ווי וואוינט איר היינט?

**האדמו"ר מקאליש:** אין פלעטבוש. איך וואוין אין קאליש, עס איז דא א שטעטעלע פלעטבוש...

**רבינו:** וועלכע געגענט?

**האדמו"ר מקאליש:** עוועני א"ר. נישט ווייט פון די ישיבה. שמה הטוב הולך לפניה.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן ווייטער.

**האדמו"ר מקאליש:** מיט אסאך סייעתא דשמיא. איך האב א גריס פון פיינע מגידי שיעורים, רבי אברהם צוויבל, און רבי יעקב אהרן אויש (מגידי שיעור בישיבה קטנה).

**רבינו:** זיי זענען ביידע ביי אייך אין ישיבה. די ישיבה איז אויך דארט?

**האדמו"ר מקאליש:** יא, אין בית המדרש, מען האט צוגעבויט אביסל.

איך וויל הערן א ווארט אויף די סדרה, עס זאל זיין פרה ורבה, איך זאל קענען איבערזאגן, איך האב געהערט פונעם וויענער רב.

**רבינו:** איך האב נאכנישט געהאט קיין צייט צו טון אין די פרשה...

**האדמו"ר מקאליש:** עס איז אינטערעסאנט, דער **אור החיים הק'** (בפרשתנו) מאכט דעם חשבון, אז יעקב האט געשיקט תק"פ בהמות א דורן פאר עשו, לשבור תקפ"ו של עשו. איך האב געטראכט, וואס איז פשט אז די בהמות האבן צובראכן תקפו של עשו. נאר די בהמות זענען געקומען פון די עקודים נקודים וברודים, עס שטייט פון **אריז"ל** אז דאס איז די סוד פון תפילין. עס שטייט אין **פרי מגדים** (או"ח סימן כ"ה א"א סק"ח) אז מען דארף זאגען תפילין, מיט צוויי יודען. וואס דאס באטרעפט תק"פ. שופ"ר איז אויך בגימטריא תק"פ, מען זאגט אין דעם **זוהר הק'** פאר תקיעת שופר, לשבור תקפ"ו של עשו.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין די פאריגע וואך פונעם **סאטמארער רב זי"ע** (אין לשון קדשו), אז ער האט געזאגט, אז עס שטייט אין ***ילקוט ראובני*** (וישלח אות מב) אז די עשרים תישים וואס יעקב האט געשיקט (בראשית לב-טו), איז געווען ווייל די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, האט יעקב אבינו נישט מקריב געווען דעם שעיר לעזאזל. און דאס איז דאך א דורון פארן ס"מ, האט ער אים געשיקט עשרים תישים, משלים צו זיין דעם שעיר לעזאזל. און ער שטעלט זיך, אז אזוי ווי ער האט אין די יארן מקיים געווען דעם שעיר לה', פארוואס האט ער נישט געקענט מקריב זיין א שעיר לעזאזל. זאגט ער אין איינע פון די תירוצים, אז זיי ברענגען צו א ***ילקוט ראובני*** (אחרי אות מו) אז דער וואס האט אוועקגעשיקט דעם שעיר לעזאזל, איז געשטארבן יענעם יאר. און מען האט אויסגערעכנט איינעם וואס דארף שטארבן דעם יאר, און דעם האט מען געשיקט. וועגן דעם האט ער געהייסען איש עתי, ווייל עס איז שוין געקומען זיין צייט. זאגט ער, אזוי ווי עס איז נאר געווען יעקב אבינו מיט די קינדער, האט ער נישט געקענט אוועקשיקן, ווייל עס וועט אויסקומען אז ער וועט זיין דער איש עתי, עס איז נישט דא מיט וועם צו שיקן. האט ער עס געמוזט איבערגעבן פאר עשו אין די הענט, ער האט עס נישט געשיקט.

**האדמו"ר מקאליש:** עס איז געווען א רב הרב אברהם זאב גרובער, (א איידעם פון רבי יואל אשכנזי), מען האט אים איין יאר גענומען ער זאל רעדן ביי א דינער אין די סאטמארע מוסדות אין בארא פארק. האט ער געזאגט, איך וויל אייך נאכזאגן א ווארט וואס איך האב געהערט פונעם **סאטמארער רב**. האט ער געזאגט, ווען עשו האט זיך געטראפן מיט יעקב אבינו האט ער אים געפרעגט, מי אלה לך, האט יעקב געענטפערט, הילדים אשר חנן אלקים את עבדך (בראשית לג-ה). האט ער געזאגט, איינע פון די סימני החכם איז, האומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון (אבות ה-ז). ער האט אים דאך נישט געפרעגט אויף די קינדער, ער האט געפרעגט אויף די ווייבער, פארוואס ענטפערט ער אויף א שאלה וואס מען האט נישט געפרעגט. האט דער סאטמארער רב געזאגט, ווען יעקב האט געשיקט זאגן פאר עשו, עם לבן גרתי (בראשית לב-ה), האט עשו אויך געלערנט דעם צווייטען פשט פון רש"י, אז ותרי"ג מצות שמרתי. און יעקב קומט יעצט אקעגן מיט צוויי שוועסטערס, דאס איז תרי"ג מצות? שתי אחיות מי התיר לך? האט ער געזאגט, יעקב האט געהאט זיינע סיבות פארוואס ער האט געמעגט, צו ווי דער **רמב"ן** (פ' תולדות כו-ה) זאגט אז ער האט געמעגט פאר מתן תורה, און אלע תירוצים וואס איז דא. אבער מיט א רשע טאר מען זיך נישט מתווכח זיין. עס איז דא א כלל, פון גוטס קומט ארויס גוטס. פון קדושה קומט ארויס קדושה, און פון טומאה קומט נישט ארויס קיין קדושה. האט ער אים געזאגט, גיב א קוק, הילדים אשר חנן אלקים את עבדך, ווועסטו מיר זאגען אז איך האב געטון א עבירה מיט די צוויי שוועסטערס?! קוק ווי די שכינה רוהט אויף זיי. -

האב איך אים נאכדעם געזאגט, עס איז נישט געדרוקט אין ערגעץ. זאגט ער מיר, ניין, דאס קען מען נישט דרוקן, דאס איז נאר פון זיין מויל צו מיין אויער. ווייל טאמער טאר מען עס נישט טון, טאר מען עס נישט טון, עס איז נישט קיין חילוק וואס עס קומט ארויס.

**רבינו:** עס איז דא א שיין ווארט פונם גערער רבי, דער **אמרי אמת**, אז די גמרא (סוטה יב.) זאגט, הנושא אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה. קומט אויס, אז ווען מען האט חתונה ערליך, איז כאילו דאס ווייב איז זיין קינד, כאילו ער האט איר געבוירן. עשו האט געפרעגט יעקב, מי אלה לך, ווער זענען די נשים. האט ער געזאגט, די זענען נישט קיין נשים, נאר הילדים אשר חנן אלקים את עבדך, איך האב חתונה געהאט לשם שמים, און דאס זענען מיינע קינדער.

**וכיבדו רבינו לברך על היין, ונפרדו לשלום**

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף קאלער** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הרב **פישל לעווי** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מאיר שטערן** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **חיים צבי שטערן** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום רביעי פרשת וישלח***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **פנחס** (ב"ר חיים ארי) **רובין** הי"ו (חתן הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (בראשית לב-ה), יעקב האט געשיקט שלוחים צו עשו, עם לבן גרתי, ותרי"ג מצות שמרתי, ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה. עס איז צוויי ערליי ווערטן, ער הייבט אן מיט עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי, איך בין געווען ביי לבן, און איך בין געלעגן אין תורה, איך האב מקיים געווען אלע תרי"ג מצות. נאכדעם גייט ער צו גשמיות, איך האב א שור מיט חמור און עבדים שפחות.

**מען** ווייסט אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט בנחלת שני עולמות. יעקב האט גענומען עולם הבא, און עשו האט גענומען עולם הזה. און פונדעסטוועגן דאך האבן יודען עולם הזה אויך. די משנה (אבות ו-ט) זאגט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד. אלע עניני גשמיים וואס א מענטש האט, האט ער נאר בדרך עראי. ווילאנג ער געפינט זיך דא אויף די וועלט האט ער די עניני גשמיים, ער קען נהנה זיין דערפון, אבער איינמאל ער גייט אוועק פון די וועלט, האט ער גארנישט פון זיין געלט, פון זיין זילבער, פון זיינע הייזער, און פון זיינע געשעפטן, אלעס לאזט ער איבער פאר אנדערע, ער נעמט זיך גארנישט מיט. נאר תורה ומעשים טובים וואס א יוד האט געטון אויף די וועלט, דאס איז אים מלווה שפעטער.

**אין** די מפרשים שטייט אבער טיפער. אמת זילבער און גאלד האט נישט קיין חשיבות, אין מלווין לו לאדם, אבער ווען א יוד טוט מיט זיין פארמעגן מצות ומעשים טובים, דער זילבער און גאלד וואס ער האט געטון דערמיט מצוות ומעשים טובים, דאס בלייבט אויף שטענדיג. אפילו ער נעמט נישט מיט דאס געלט אליין, אבער מיט דעם געלט אליין האט ער דאך געטון א מצוה, און די מצוה דאס איז צדק לפניו יהלך, דאס טוט אים באגלייטן שפעטער.

**א** יוד וואס האט גשמיות, איז עס נישט כדי ער זאל זיך קענען מער אונטערהאלטן, און זיך קענען מער

משמח זיין, און מתענג זיין. מען דארף האבן א שטוב וואו מען זאל קענען מגדל זיין קינדער אז זיי זאלן זיין ערליך, זיי זאלן זיצן און לערנען, זיי זאלן קענען לערנען נאך די חתונה. ער דארף האבן פארמעגן כדי ער זאל זיי קענען מחנך זיין ווי עס דארף צו זיין. ער דארף טון א מצוה, דארף ער האבן געלט, ער זאל קענען טון די מצוה בהידור. ער דארף ארויסהעלפן פאר א צווייטן יוד, דארף ער האבן געלט דערפאר.

**'אין** מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות', עס באגלייט נישט אויף יענע וועלט קיין געלט, 'אלא', וואס פארא געלט באגלייט יא, 'תורה ומעשים טובים בלבד', כסף און זהב וואס מען האט מיט דעם אויסגעהאלטן תורה, און מיט דעם האט מען געטון מעשים טובים, דער כסף וזהב דאס איז יא מלווה. - עס שטייט אין **אלשי"ך**, אם כסף תלוה את עמי (שמות כב-כד), 'אם כסף', אויב עס איז דא א כסף, 'תלוה את עמי', וואס באגלייט דעם מענטש שפעטער, 'את העני עמך', איז עס נאר די געלט וואס דו האסט געגעבן פאר דעם עני, דאס איז א כסף וואס וועט דיך מלווה זיין. אנדערע כסף איז נישט מלווה, מען לאזט עס איבער דא.

**יעקב** אבינו איז געווארן א גרויסער עושר, ער האט זוכה געווען צו אסאך רכוש. ער אליין, ווילאנג ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער נישט געדארפט דעם רכוש. ער איז געווען א עני ואביון, ער איז געזעסן אין בית המדרש ביי שם ועבר און געלערנט, לא נזם אחד ולא צמיד אחד, ער איז ארויסגעגאנגען און ער האט גארנישט געהאט. ווען ער האט אנגעהויבן אויפצושטעלן א שטוב מיט קינדער, וואס זיי דארפן שפעטער לערנען, זיי דארפן זיצן אין כולל, מוז ער דאך זיי אויסהאלטן. פון לבן וועלן זיי נישט באקומען גארנישט, נאר יעקב וועט זיי אויסהאלטן. האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יעקב ער זאל האבן עולם הזה, כדי ער זאל קענען מיט דעם שפעטער טון מצוות ומעשים טובים. יעקב'ס עולם הזה איז נישט קיין עולם הזה, יעקב'ס עולם הזה איז א עולם הבא, עס איז א וועג ווי אזוי ער זאל קענען צוקומען צו זיין עולם הבא. פאר עשו האט ער געגעבן עולם הזה, נהנה צו זיין פון די וועלט, כסף און זהב דאס געב איך פאר דיר. אבער דער חלק פון כסף וזהב וואס א יוד דארף האבן פאר עולם הבא, דאס האט ער געהאלטן פאר זיך.

**עס** איז א מדרש (ויק"ר ב-ב) און א גמרא (כריתות ה:), אז ווי עס שטייט 'לי', איז עס לעולמי עולמים, ביי שמן המשחה שטייט (שמות ל-לא) שמן משחת קדש יהיה זה 'לי', זאגט די גמרא, אז עס איז געבליבן לנצח נצחים. יעקב אבינו האט געהאט שור וחמור צאן ועבד, האט ער געזאגט, דאס איז נישט קיין זאך וואס איך וועל אמאל איבערלאזן דא אויף די וועלט, אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב, נאר ויהי 'לי' שור וחמור, דער שור וחמור וואס איך האב, דאס איז 'לי', דאס בלייבט פאר מיר, לנצח נצחים וועט עס בלייבן. ווייל עם לבן גרתי, ותרי"ג מצוות שמרתי, מיין ציל איז געווען נאר אפצוהיטן תרי"ג מצוות, איז ממילא וואס איך האב שור וחמור, איז אלעס נאר געגאנגען כדי צו דינען דערמיט דעם אייבערשטען, ויהי 'לי' שור וחמור צאן ועבד ושפחה, דער צאן וואס איך האב, מיט אלע פארמעגן, דאס איז 'לי', דאס בלייבט פאר מיר לנצח נצחים.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אהרן קאהן** ז"ל.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **יעקב אלימלך פאנעט** שליט"א, עב"ג בת הרה"ג רבי **אלטר ישראל מענדל קאהן** שליט"א, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הלילה התקיים שמחת קשר החיתון באירוסי נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, הבחור **חיים מאיר** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה בת **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א** (בן הגה"צ רבי שלום יוסף היילפרין שליט"א אב"ד ראדומישלא ב"פ, חתן כ"ק האדמו"ר מדעעש ומסב"ג שליט"א).

השמחה התקיימה בבית אבי הכלה שליט"א, בהשתתפות הסבים **רבינו שליט"א, הגה"צ אב"ד ראדומישלא ב"פ שליט"א, כ"ק האדמו"ר מדעעש ומסב"ג שליט"א**, והרבנים קרובי המשפחה שליט"א.

אחר ששרו ניגוני שמחה, נשאו דברים הסב **אב"ד ראדומישלא ב"פ שליט"א**, והמחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, לכבוד השמחה הרוממה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א** (חתן אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בן **הרה"ג רבי יעקב טייטלבוים שליט"א** אב"ד תולדות אברהם יצחק מאנסי, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** בברכה אחריתא.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **דניאל בלומענפעלד** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה ביי די מעשה פון שכם, אז די בני יעקב האבן געזאגט, אז בזאת נאות לכם, מיט דעם תנאי קענען מיר ווערן איינס, אם תהיו כמוני, אויב עטץ וועטס זיין אזוי ווי אונז, להמול לכם כל זכר (בראשית לד-טו). און זיי האבן אנגענומען דעם פארשלאג, און זיי האבן זיך גע'מל'ט. צום סוף זענען געגאנגען די בני יעקב, און זיי האבן אויסגע'הרג'עט גאנץ שכם. קוקען קוקט עס אויס כאילו מען האט זיי אריינגענארט. מען האט געמאכט מיט זיי א געשעפט, אז טאמער מען וועט זיך מל'ן וועט מען ווערן איין פאלק, און צום סוף איז מען געגאנגען און מען האט זיי גע'הרג'ט.

**מען** ווייסט אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה, אויסער ברית מילה האט ער געווארט ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען. אלע מצות האט ער געקענט מקיים זיין אליין, וואס עפעס מצות מילה האט ער נישט מקיים געווען ביז ער האט געהאט א ציווי. עס שטייט אין די מפרשים, אז מצות מילה איז א אות צווישן יודען און דעם אייבערשטען, א מעדאל וואס דער אייבערשטער גיט כביכול פאר כלל ישראל, דאס איז דער סימן אז דער אייבערשטער האט א קשר מיט א יוד. וועגן דעם קען מען דאס נישט נעמען אליין, מאכן א ברית מיט א צווייטען, מוז מען האבן יענעמס הסכמה דערצו, צו יענער איז דערביי. אויב יענער איז נישט דערביי, קען מען נישט מאכען א אות ברית צווישן מיר און יענעם. ווילאנג מען הערט נישט פונעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער וויל אונז געבן א אות ברית, איז נישט שייך אז אונז זאל מיר עס מאכן אליין.

**על** דרך משל, מען ווייסט אז אין מיליטער איז דא, אז ווי העכער מען שטייגט אין די מיליטער, איז דא א מעדאל וואס מען גיט. אזויפיל שטערנס און אזויפיל שטערנס. אויב איינער וועט גיין, און ער וועט זיך אליין מאכען די שטערנס, און ער וועט עס ארויפלייגען אויף זיין רעקל, איז עס גארנישט ווערט. ווייל נישט די זאך אליין דאס איז דער חשיבות דערפון, נאר עס ווענדט זיך ווער עס האט עס דיר געגעבן. אויב דו האסט עס באקומען פון די מיליטער, איז עס א חשיבות. אבער טאמער דו האסט עס זיך אליין געקויפט, און דו האסט עס ארויפגעלייגט אויף דיין רעקל, מיינט עס גארנישט. א אות ברית פונעם אייבערשטען איז, ווען דער אייבערשטער איז מצווה, און ער וויל מיט אונז האבן א אות ברית, איז שייך אז מיר זאלן עס קענען מאכן צווישן זיך. אבער אן דעם וואס דער אייבערשטער האט געגעבן דעם אות ברית, האט אברהם אבינו נישט געקענט מקיים זיין די מצוה. מען געפונט אין די משנה (נדרים לג:), אז ווען איינער מאכט א נדר למולים, ער וויל נישט הנאה האבן פון איינעם וואס איז גע'מל'ט, מעג ער הנאה האבן פון א גוי וואס איז גע'מל'ט, ער ווערט נישט גערעכנט ווי א נימול, אפילו ער איז גע'מל'ט ווי א צווייטער. ווייל מולים איז דער טייטש, אז אונז האב מיר א מעדאל פונעם אייבערשטען, אבער דער וואס האט זיך סתם גענומען, און פון זיך אליין געמאכט א צייכען, דאס הייסט נישט גע'מל'ט.

**זיי** האבן געזאגט פאר שכם, אם תהיו 'כמוני' להמול לכם כל זכר, אויב דער ברית ביי ענק וועט זיין אזוי

ווי ביי אונז, אז דאס איז א צייכען צווישן אונז און דעם אייבערשטען, דעמאלטס ווערן מיר איינס. אבער דאס וואס זיי האבן זיך גע'מל'ט, איז כאילו מען האט גענומען א פרעמדע מעדאל, און מען האט עס ארויפגעלייגט אויף זיך. דאס איז נישט 'כמוני', דאס איז נישט אזוי ווי אונזער ברית. אונזער ברית איז א זאך וואס מיר האבן באקומען פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט אונז געגעבן דעם אות וואס אונז טו מיר זיך אויסצייכענען מיט דעם צום באשעפער, אבער ווען זיי טוען עס פון זיך אליין, האט עס נישט אין זיך קיין שום חשיבות.

*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפה בענין גזירת החינוך שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ומסב"ג שליט"א.**

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק יודא שאלאמאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש לניחום אבלים אצל הר"ר **אשר אנשיל קרעמער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**הר"ר אנשיל:** דער זיידע איז געווען א אייניקל פונעם מנוחת אשר פון טשענגער.

**רבינו:** די פאריגע וואך איז געווען דעם **מנוחת אשר'ס** יארצייט. איך הייס אשר אנשיל נאך מיין זיידען (**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**), וואס ער האט געהייסען נאכן מנוחת אשר.

**הר"ר אנשיל:** איך הייס אויך אשר אנשיל, אבער נישט נאכן מנוחת אשר, נאר נאך מיין טאטע'ס טאטע.

**רבינו:** די עיקר נאמען איז אשר, אנשיל איז נאר א כינוי, א צונאמען.

**הר"ר אנשיל:** אבער מען זאגט צוויי פסוקים ביי שמונה עשרה.

**רבינו:** אויב מען האט שוין אזוי א נאמען געגעבן, האט מען שוין צוויי נעמען. וועלכע פסוקים זאגסטו?

**הר"ר אנשיל:** פאר 'אשר' זאג איך, אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר (תהלים כ-ח), און פאר 'אנשיל' זאג איך, אלקים אל דמי לך, אל תחרש ואל תשקוט א-ל (שם פג-ב).

**רבינו:** איך זאג א צווייטען פסוק, אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם, בנותינו כזוית מחטבות תבנית היכל (שם קמד-יב). געווענליך אין די סידורים איז נישט דא א פסוק פאר אנשיל. די קאמפיוטערס היינט האבן שוין אויסגעטראפן אלע פסוקים וואס מען קען צושטעלן.

דער **שואל ומשיב**, דער **לעמבערגער רב**, איז נישט געווען א חסיד, אבער עס איז דא א תשובה וואס ער האט געשריבן פארן מנוחת אשר, און ער האט זיך אונטערגעשריבן מיט זיין נאמען און זיין מאמעס נאמען, ער זאל מתפלל זיין אויף אים. און ער שרייבט אים אינעם טיטל, אז ער איז גרויס אין תורה, און גרויס אין תפלה[ג].

איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** פארציילען אויפן **מנוחת אשר**, אז ער פלעגט צו געבן רפואות, פארשידענע סגולות וואס מען זאל טון. און עס איז געווען א געוויסע רפואה וואס ער פלעגט צו הייסען טון ווען א קינד איז געווען קראנק. אז ער האט געהייסען, און ער האט אנגעוואונטשען, האט עס געהאלפן. און עס איז געווען איינער וואס האט געזאגט, פארוואס דארף איך גיין צום רבי'ן פרעגן, איך ווייס שוין וואס דער רבי וועט זאגען. איז ער געגאנגען און ער האט עס אליין געמאכט, און עס האט נישט געהאלפן. איז ער אריבער געגאנגען צום מנוחת אשר. פרעגט אים דער מנוחת אשר, וואס האסטו געטון פארן קינד? זאגט ער, איך האב געטון אזוי און אזוי. זאגט אים דער מנוחת אשר, דו טוסט דאס פאר א קינד? דו ביסט דאך א רוצח, עס איז דאך א סכנה. זאגט ער, וואס דען זאל איך טון? זאגט אים דער מנוחת אשר, יעצט גיי אהיים, און טו עס נאכאמאל איבער, יעצט וועט עס העלפן.

*

---

[ג] וזה לשונו במכתב בענין שאלת עגונה שהשיב לבעל מנוחת אשר (על תשובה שנדפס **בשו"ת מנוחת אשר** סימן יט): מכתבו הגיעני, שמחתי בשמעי משלומו ומשלום תורתו, וגם שמחתי כי יש לו יד ושם בלימוד גפ"ת וגם בתפלות ובקשות, ועיין **רמב"ן** על התורה על פסוק (שמות יח-טו) כי יבוא אלי העם לדרוש אלקים... וה' יעזור לו שירא שמים יצא ידי שניהם, בתפלות ובקשות ובלימוד תורה הק'. אלה דברי הדו"ש באהבה מבקשו שיתפלל בעדו.

הצעיר יוסף שאול הלוי נאטהענזאהן

בן חנה לבריאות הגוף ולרפואה שלימה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **אברהם משה לאנדא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל טעללער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי"ו, שהתקיים באולם לא שאטוי.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי"ו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יחזקאל דוד שווארץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו להבחור הבר מצוה ולבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, יעקב אבינו האט זיך געטראפן מיטן שרו של עשו, ויאבק איש עמו. וירא כי לא יכול לו, ער האט נישט געקענט בייקומען יעקב, ויגע בכף ירכו, ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו (בראשית לב-כה), דעם כף ירך פון יעקב האט ער יא געקענט צוקומען. צום סוף האט ער געוואלט אוועקגיין, האט אים יעקב געזאגט, אז דו קענסט נישט אוועקגיין ביז דו וועסט מיך נישט בענטשן. ויברך אותו שם, ער האט אים דארט געבענטשט. רש"י שטעלט זיך, וואס איז דער 'שם', אוודאי אז ער איז געווען דארטן, האט ער אים דארט געבענטשט? רש"י זאגט, אז דער מלאך האט געוואלט אפשטופן די ברכות אויף שפעטער, אין בית אל וועט ער אים בענטשן. און יעקב האט געוואלט ער זאל אים בענטשן תיכף, און דער מלאך האט נישט געהאט קיין ברירה, ויברך אותו שם, האט ער אים דארט געבענטשט.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. מען זעהט אנהייב פון די פרשה, האט יעקב געזאגט, עם לבן גרתי ואחר עד עתה (לב-ה), זאגט רש"י, עם לבן גרתי, ותרי"ג מצוות שמרתי. דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, עס איז דא תרי"ג מצות התורה, רמ"ח עשין און שס"ה לא תעשה. די אברים פונעם מענטש איז אויך אזוי אויסגעשטעלט, דער מענטש האט רמ"ח אברים און שס"ה גידין. יעדע עשה, איז מכוון אקעגן א אבר. יעדע לא תעשה, איז מכוון אקעגן איינע פון די גידין. ווען א יוד איז מקיים אלע מצוות פון די תורה, גיט ער חיזוק פאר זיינע תרי"ג אברים מיט די גידים וואס ער האט, אז עשו האט נישט קיין כח שולט צו זיין אויף אים. ווען א מענטש איז נישט אויסגעארבעט מיט אלעם, ער איז נאר אויסגעארבעט מיט א געוויסע מצוה, איז אויף די חלק אבר וואס די מצוה איז מכוון, אויף דעם האט עשו נישט קיין כח.

**יעקב** האט געלאזט שיקן פאר עשו, אז איך האב נישט מורא פון דיר, ווייל דו וועסט דיך נישט קענען אויף מיר מתגבר זיין. עם לבן גרתי, איך האב געוואוינט מיט לבן, ותרי"ג מצוות שמרתי, איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, איך האב געגעבן חיות פאר אלע מיינע רמ"ח אברים און פאר אלע מיינע שס"ה גידים, אלעס איז בשלימות, און דו קענסט נישט צוקומען צו מיר.

**איז** געקומען דער שרו של עשו, און ער האט פראבירט יעקב, אין וועלכן אבער ער קען זיך מיט אים מתאבק זיין. וירא כי לא יכול לו, ער האט נישט געקענט. אבער עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז געווען איין נקודה, א פגם ביי יעקב, דאס וואס ער האט געגומען שתי אחיות, רחל מיט לאה. ער האט טאקע נישט מקיים געווען כל התורה כולה אין חוץ לארץ, און וואס מען וועט אלץ פארענטפערן, אבער על כל פנים עס איז געווען א פלאץ ווי מען קען זיך שוין אנטשעפענען. וירא כי

לא יכול לו, ויגע בכף ירכו, האט ער צוגערירט אין כף ירך פון יעקב, עס איז א רמז אויף די שתי אחיות וואס ער האט גענומען, ותקע כף ירך יעקב, דארט האט ער געהאט א שליטה.

**עס** שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב סו.), אז בשעת מען ברענגט אריין א קינד אין ברית מילה, איז מען משרה אויף אים צוויי שמות, דעם שם שד"י און דעם שם הוי"ה. עס איז דא מלגו, עס איז דא מלבר. יעדע זאך האט א פנימיות מיט א חיצוניות, און אויף אלעם דארף מען א שמירה. דאס קינד באקומט די צוויי שמות, שד"י און שם הוי"ה, איינס מלגו און איינס מלבר, בשעת מען מל'ט אים, איז מען ממשיך א קדושה אויף דעם קינד.

**אזוי** ווי יעקב האט געזעהן אז ותקע כף ירך יעקב, אז דא האט ער געטראפן א פלאץ ווי ער קען שולט זיין, האט ער געדארפט א ברכה פון דעם מלאך. ער האט געדארפט האבן, אז די קדושת המילה וואס האט אין זיך די צוויי שמות, שד"י מיט הוי"ה, זאל אים אויף אים חל זיין בשלימות. די צוויי שמות שד"י מיט שם הוי"ה, דאס איז דריי הונדערט און פערציג. 'אותו' איז א רמז אויפן אות פון ברית מילה. ביי עוג שטייט אל תירא 'אותו' (דברים ג-ב), עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קפד.) אז ער האט מורא געהאט פון זיין אות, ווייל ער איז געווען גע'מל'ט. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תירא אותו. ווען יעקב האט געזעהן אז ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו, האט ער אים געזאגט לא אשלחך כי אם ברכתני, דער מלאך זאל אים געבן א ברכה. 'ויברך', האט אים דער מלאך געבענטשט, 'אותו', אז דער אות וואס א יוד האט, 'שם', זאל ער האבן שטענדיג די צוויי שמות. אז מען זינדיגט, ווערט נתחלף די צוויי שמות פאר שמות פונעם ס"ם. ויברך אותו, ער האט אים געבענטשט, שם, אז זיין קדושה זאל זיין שם, ער זאל האבן די ביידע קדושת פון די צוויי שמות.

**מען** איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, מען האט ארויפגעלייגט אויף אים די צוויי שמות, ויברך אותו, דארף מען בענטשן דאס קינד, שם, די צוויי שמות זאלן שטענדיג בלייבן אויפן קינד, עס זאל קיינמאל נישט אראפגענומען ווערן. און אונז אלע זאל מיר זיך קענען פירן ערליך בקדושה ובטהרה, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת וישלח</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד החתן **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **אברהם יוסף שאלאמאן** ני"ו, חתן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי אלעזר יונה גינזבורג שליט"א** אב"ד סוואליווע, עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם יהושע העשיל טווערסקי שליט"א**, שהתקיים באולם תשב"ר.